בס"ד בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת
גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת פינחס
מברכים חודש אב
כג תמוז שנת תשפ"א
לפ"ק

שנה 2, גליון 29
(44)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת', אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה י, מִבֶּעְרְגִיר וְעָנִי.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת".

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִיר (דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר) עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. עֶר הָאט גִיהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ סְחוֹרוֹת. אוּן זַיינֶע וֶועקְסְלֶען אוּן זַיינֶע בְּרִיוו זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כָּל טוּב. נִידֶירִיקֶער פוּן אִים הָאט גִיוואוֹינְט אֵיין אָרוּם מַאן. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרוּם מַאן. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גָאר דֶעם הֵיפֶּךְ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיְינוּ גָאר פַארְקֶערְט אַזוֹי וִוי דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי אִיז עֶר גִיוֶוען פַארְקֶערְט אַ גְרוֹיסֶער אָרוּמַאן).

## וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן?

וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "דְּדָא בֵּיהּ כּוֹלָּא בֵּיהּ, דְּלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס, וִוידֶערְאוּם אָן אֱמוּנָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

אִיךְ הָאב גֶעזָאגְט פַאר הָאבְרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר (עֶר הֶעלְפְּט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְסַדֵּר זַיין דִירוֹת וְכַדוֹמֶה פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן זוּמֶער צוּם שְׁטֶעטְל): עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען צוּפְרִידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוען מֶען פְרֶעגְט זֵיי צִי זֵיי הָאבְּן אַלֶעס, צִי אַלֶעס אִיז בַּיי זֵיי בְּסֵדֶר, עֶנְטְפֶערְן זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ קֶענְסְט זֵיי נִישְׁט גְלֵייבְּן אוֹיפְ'ן וָוארְט, וַוייל אַ צוּפְרִידֶענֶע מֶענְטְשׁ וֶועט אֵייבִּיג אַזוֹי עֶנְטְפֶערְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין, דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ אַרַיינְגֵיין צוּ זֵיי אִינֶעם דִירָה אוּן זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן צִי עֶס אִיז רִיכְטִיג וָואס זֵיי זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶעס. רֶעדְנְדִיג מִיט

<<<

# חִינּוּךְ ווִינְקְל

## מַסֶכֶת יוֹמָא דַף ז

### אַקְסִידֶזְשְׁעְן

דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַ אַנְדֶערֶע וָואךְ אוֹיב מֶען הֵייבְּט עֶס אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

דָאס לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה, דָאס אִיז אַקְסִידֶזְשְׁעְן, דָאס גֶעבְּט לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

### אִיךְ גֶעבּ דִיר 'דִי וֶועלְט'

ווִילַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא? פִינְף צֶען מִינוּט! בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא אִין צְוָואנְצִיג מִינוּט. אִין דִי נֵייעֶס הֶערְט מֶען אַלְץ דֶעם אוֹיסְדְרוּק: "גֶעבּ אוּנְז צְוָואנְצִיג מִינוּט אוּן מִיר גֶעבְּן אַייךְ דִי וֶועלְט!" (זֵיי גֶעבְּן אִין צְוָואנְצִיג מִינוּט אִיבֶּער אִין קוּרְצְן דִי נֵייעֶס וָואס טוּט זִיךְ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט), אִיךְ גֶעבּ דִיר 'דִי וֶועלְט', דוּ הָאסְט אִין צְוָואנְצִיג מִינוּט אַ בְּלַאט גְמָרָא, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה.

### מְפָרְשִׁים

דוּ וֵייסְט פַארְוָואס רוֹב מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט? יֶעדֶער ווִיל דָאךְ לֶערְנֶען גְמָרָא, יֶעדֶער ווִיל הֶערְן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה, נָאר עֶר שְׁפִּירְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים, וַוייל מֶען גֵייט צוּ אַ שִׁיעוּר וואוּ דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר ווִיל וַוייזְן וִוי גוּט עֶר קֶען לֶערְנֶען, עֶר קוּקְט זִיךְ פָּאר מִיט גָאר טִיפֶע זַאכְן אוּן קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ט' הָאבְּן מִיר דִי קִינְדֶער גֶעזָאגְט אַז דִי פַארְיֶערִיגֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט אוֹיסְרֶעדְן אַסַאךְ מְפָרְשִׁים נָאךְ מֶער ווִיפִיל אִיךְ זָאג נָאךְ, אוּן דָאס אִיז זֵיי אַ פְּרָאבְלֶעם, וַוייל וֶוען זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע קָאזִינְס אוּן חֲבֵרִים שְׁמוּעֶסְט מֶען וֶוער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע מְלַמֵּד, יֶעדֶער טוּט זִיךְ אוֹיף ווִיפִיל 'מְפָרְשִׁים' מֶען רֶעדְט אוֹיס בַּיים שִׁיעוּר, אַלֶע שְׁרַייבְּן צוּ אִין דִי זַייט פוּן דִי גְמָרָא מִיטְ'ן בְּלֵיי: 'רִיטְבָ"א', 'מַהַרְשָׁ"א', 'מַהֲרַ"ם', אוּן זֵיי זָאגְן אוֹיף אוּנְז אַז אוּנְז לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין מְפָרְשִׁים... הָאב אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט דִי גְמָרָא, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ דִי מְפָרְשִׁים?!

אִיךְ לֶערְן אוֹיךְ פָאר דִי גְמָרָא לוֹיט דֶעם מַהֲרַ"ם אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מְפָרְשִׁים נָאר אִיךְ זָאג עֶס נִישְׁט נָאךְ בְּשֵׁם זֵיי, פַארְוָואס דַארְפְן זֵיי וִויסְן 'דֶער מַהֲרַ"ם פְרֶעגְט', 'דֶער מַהֲרַ"ם עֶנְטְפֶערְט', זָאג זֵיי דִי קַשְׁיָא אוּן דִי תֵּירוּץ פוּן דִי גְמָרָא, וֶועלְן זֵיי זִיךְ מְחַיֶה זַיין בַּיים לֶערְנֶען.

אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַבִּיסְל גְמָרָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִים אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן - אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל אַ קַשְׁיָא בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ עֶס זָאל אִים בֵּייפַאלְן דֶעם תֵּירוּץ אוּן וֶוען עֶר זָאגְט אַרוֹיס דֶעם תֵּירוּץ בְּרֶענְגְט אִים דָאס צוּ עֶס זָאל אִים בֵּייפַאלְן אַ קַשְׁיָא דֶערוֹיף - דֶערִיבֶּער אִיז רֶעדְנְדִיג מִיט אִים מִיר בֵּייגֶעפַאלְן אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דַיְיקָא דִי מֶענְטְשְׁן וָואס עֶנְטְפֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר - פַאר זֵיי דַארְפְסְטוּ טַאקֶע גָארְנִישְׁט פַארְבֶּעסֶערְן וַוייל אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע אַלֶעס, זַיין צוּפְרִידְנְקֵייט אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת! וְוִידֶער דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ אִין אֵיין אָפְּרֶעדְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס' 'אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס' - פַאר זֵיי זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן, מֵיין נִישְׁט אַז דוּ גֵייסְט זֵיי קֶענֶען מַאכְן פְרֵיילִיךְ וַוייל אַזֶעלְכֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן וֶועלְן מִמֵּילָא קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דָאךְ פְּרוּבִּיר כָאטְשׁ פוּן דַיין זַייט זֵיי צוּ הֶעלְפְן מִיר וָואס דוּ קֶענְסְט.

## אַ חֲתוּנָה וואוּ אַלֶע הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן

דִי וָואךְ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ נֵייֶע קוּנְטְרֵס 'תּוֹךְ הַנַּחַל' פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן שְׁנַת תשמ"ח לִפְרָט קָטָן; אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען עֶטְלִיכֶע חִידוּשִׁים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט גֶעוואוּסְט, אֵיין זַאךְ אִיז אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן וָואס מִיר רֶעדְן יֶעצְט. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט: אִיךְ בִּין דִי וָואךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה, וָואס אִיךְ בִּין פַארְזִיכֶערְט אַז וֶוער עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט פוּן פָארְאוֹיס וָואס דָארְט גֵייט זַיין וָואלְט אִיךְ גֶערוּפְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה; דִי מַאמֶע פוּן דִי כַּלָּה אִיז קְרַאנְק מִיט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, זִי קֶען נִישְׁט רֶעדְן, זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאוֶועגְן אִירֶע גְלִידֶער, זִי אִיז גֶעזִיצְן אוֹיף אַ בֶּענְקְל אוּן אִיר גַאנְצֶע גוּף הָאט גֶעטְרֵייסְלְט אוּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט, מֶען הָאט אִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם זַאל כְּדֵי זִי זָאל מִיטְהַאלְטְן אִיר טָאכְטֶער'ס חֲתוּנָה, אוּן וֶוען דִי טַאטֶע פוּן דִי כַּלָּה הָאט גֶעטַאנְצְן מִיט דִי כַּלָּה הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי אִיר גוּף וַוארְפְט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק וְכוּ', וֶוער עֶס אִיז דֶעמָאלְט דָארְט גֶעוֶוען הָאט גֶעוֵויינְט, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אֶמֶתְ'עֶ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, אוּן וֶוער עֶס הָאט אֶמֶתְ'עֶ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֲפִילוּ אִיךְ גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן - דָאךְ גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת, אַז אִיךְ קֶען גֵיין אוֹיף מַיינֶע פִּיס, אִיךְ קֶען רֶעדְן, אִיךְ קֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען'.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן, 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען קוּמֶען, אִיךְ קֶען גֵיין, אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער', 'אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן וָואס זֶעט', 'אִיךְ קֶען רֶעדְן', 'אִיךְ קֶען קֶען הֶערְן' וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין דִי אַלֶע מַתָּנוֹת וָואס מֶען הָאט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶערְט מֶען זִיךְ אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זֶעעֶנְדִיג דָאס גוּטְס וָואס מֶען הָאט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

[נָאךְ אַ חִידוּשׁ הָאבּ אִיךְ דָארְט גֶעזֶען. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן, אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן אוּן גֶעזֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן עֶסְן פוּן אֵיין טֶעלֶער, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער נֶעמְט אַרוֹיס מִיט זַיין לֶעפְל פוּן זַיין חַבֶר'ס זַייט אוּן עֶסְט, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אִינְדֶערְהֵיים פִּירְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי, זֵיי טוּעֶן מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער מַעֲשֵׂה פְּלִשְׁתִּים רַחֲמָנָא לִצְלָן].

אוּן דִי בֵּיידֶע הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. דֶער בֶּערְגֶער הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אוּן אַזוֹי דֶער אָרוּם מַאן הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.

אַמָאל הָאט זִיךְ גִחָלִימְט דֶער בֶּערְגֶער. אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְשְׁן אוּן הָאבִּין גִימַאכְט פַּאקִין פַּאקִין. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט וָואס טוּט אִיר הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. זֵיי וִוילִין דָאס אִין גַאנְצִין אַוֶועק טְרָאגִין הָאט צוּ דֶעם אָרוּם מַאן (דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּם מַאן וָואס עֶר הָאט אוּנְטֶער אִים גִיוואוֹינְט כַּנַ"ל) הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. נָאךְ וָואס זֵיי וִוילִין זַיין גַאנְץ עֲשִׁירוּת אַוֶועק טְרָאגִין צוּ דֶעם אָרוּם מַאן. אוּן בֵּייזֶערִין זִיךְ קָאן מֶען זִיךְ נִיט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אַסַאךְ מֶענְשִׁין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט פַּאקִין פַּאקִין פוּן גָאר זַיין פַּארְמֶעגִינִים. פוּן אַלֶע זַיינֶע סְחוֹרוֹת. אוּן פוּן גָאר זַיין גוּטְץ אוּן הָאבִּין עֶס גָאר אִין גַאנְצִין אַוֶועק גִיטְרָאגִין צוּם דֶעם אָרוּם מַאן הַנַ"ל. אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גָאר נִיט גִילָאזְט נָאר דִי לֵיידִיקֶע וֶוענְט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גִיאַרְט. דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז סֶע אִיז אַ חָלוֹם. אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז סֶע אִיז נָאר אַ חָלוֹם. אוּן סֶע אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אִים זַיין פַּארְמֶעגִינִים אִין גַאנְצְן. פוּן דֶעסְט וֶועגִין כָּארְט. הָאט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר גִיקְלַאפֶּערְט אוּן סֶע הָאט אִים זֵייעֶר גִיהַארְט דֶער חָלוֹם. אוּן סֶע הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זִין דֶער חָלוֹם.

אוּן דֶער אָרוּם מַאן (הַנַ"ל) מִיט זַיין וַוייבּ. פְלֶעגְט דֶער בֶּערְגֶער פְרִיר אוֹיךְ הַשְׁגָחָה גִיבִּין אוֹיף זֵיי. אוּן פְלֶעגְט זֵיי אָפְּט צוּ גִיבִּין. אוּן הַיינְט נָאךְ דֶעם חָלוֹם. הָאט עֶר אוֹיף זֵיי מֶער הַשְׁגָחָה גִיגִיבְּן אֵיידֶער פְרִיר. נָאר וֶוען זֵיי פְלֶעגְן צוּ אִים אַרַיין צוּ קוּמֶען דֶער אָרוּם מַאן. אוֹדֶער זַיין וַוייבּ. פְלֶעגְט אִים דָאס פָּנִים נִשְׁתַּנָה וֶוערִין (דְהַיְינוּ פַארְעֶנְדֶערְט גִיוָוארִין) אוּן עֶר אִיז פַאר זֵיי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין מַחְמַת עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם חָלוֹם. אוּן זֵיי דְהַיְינוּ דֶער אָרוּם מַאן מִיט זַיין וַוייבּ. פְלֶעגִין אָפְּט צוּ אִים אַרַיין צוּ גֵיין. אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי אִים אָפְּט גִיוֶוען.

אַמָאל אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ. הָאט עֶר אִיר גִיגִיבְּן וָואס עֶר הָאט אִיר גִיגִיבְּן. אוּן זַיין צוּרָה אִיז אִים נִשְׁתַּנָה גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייעֶר כָּבוֹד. זָאגְט מִיר וָואס אִיז דָאס. אַז וֶוען מִיר קוּמֶען צוּ אַייךְ. וֶוערְט אַייעֶר פָּנִים זֵייעֶר פַארְעֶנְדֶערְט. הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. בַּאֲשֶׁר סֶע הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי גִיחָלִימְט. (כַּנַ"ל) אוּן זִינְט דֶעמוּלְט אָן קְלַאפֶּערְט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר (כַּנַ"ל) הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיז דֶער חָלוֹם נִיט גִיוֶוען אִין דֶער אוּן דֶער נַאכְט. (וָואס זִי הָאט אִים גִיזָאגְט) עֶנְפֶערְט עֶר אִיר. יוֹא. וָואס אִיז דֶען. עֶנְפֶערְט זִי אִים. אִין דֶער נַאכְט. הָאט זִיךְ מִיר אוֹיךְ גִיחָלִימְט. אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירָת. אוּן סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְשְׁן צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן הָאבִּין גִימַאכְט פַּאקִין פַּאקִין. הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיפְרֶעגְט. וְוִי הִין וִוילְט אִיר דָאס טְרָאגִין. הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. צוּ דֶעם אָרוּם מַאן (דְהַיְינוּ צוּם בֶּערְגֶער וָואס זֵיי רוּפִין אִים שׁוֹין הַיינְט אָרוּם מַאן) בְּכֵן וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַ חָלוֹם. אַלְמַיי מִיר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִיחָלֶמְ'ט. אוּן דֶער בֶּערְגֶער אִיז הַיינְט נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן אִיז פַארְטוּמִילְט גִיוָוארִין. וַוייל עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אִיר חָלוֹם אוֹיךְ. וָוארִין עֶס וַוייזְט עֶפֶּעס אוֹיס. אַז מֶען זָאל אִיבֶּער טְרָאגִין זַיין עֲשִׁירוּת מִיט זַיין גוּטְץ צוּם אָרוּם מַאן. אוּן דֶעם אָרוּמַאנְס דַלוּת זָאל מֶען אִים אִיבֶּער טְרָאגְן. אִיז עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין.

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז דִי בֶּערְגֶערִין גִיפָארִין שְׁפַּאצִירְן זִיךְ מִיט אַ

קַארֶעטֶע. אוּן זִי הָאט מִיט גִינוּמֶען מִיט זִיךְ נָאךְ וַוייבֶּער. אוּן דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ הָאט זִי אוֹיךְ מִיט גִינוּמֶען. אוּן זֶענֶען גִיפָארִין נַאשְׁפַּאצִיר. דֶערְוַוייל. אִיז דוֹרְךְ גִיפָארִין אַ יֶעדְנִירַאל מִיט זַיין חַיִל. הָאבִּין זֵיי אִים אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. אִיז דָאס חַיִל דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען. הָאט דֶער יֶעדְנִירַאל גִיזֶעהְן אַז סֶע פָארִין וַוייבֶּער, הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען אֵיינֶע פוּן זֵיי זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין אַרוֹיס גִינוּמֶען דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִי אַרַיין גִיחַאפְּט אִין דֶעם יֶעדְנִירַאלְס קַארֶעטֶע אוּן זֶענֶען מִיט אִיר אַוֶועק גִיפָארִין. קְרִיק נֶעמֶען קָאן מֶען שׁוֹין אַוַדְאַי נִיט. וָוארִין עֶר אִיז וַוייטֶער אַוֶועק גִיפָארִין. בִּפְרַט אַ יֶעדְנִירַאל מִיט זַיין חַיִל. אוּן דֶער יֶעדְנִירַאל הָאט זִי גִינוּמֶען. אוּן אִיז מִיט אִיר גִיפָארִין אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין אוּן זִי אִיז גִיוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם (דְהַיְינוּ זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט) אוּן זִי הָאט אִים גָאר נִיט גִיוָואלְט צוּ הֶערִין אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גִיוַויינְט. אוּן מֶען הָאט זִי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אוּן מֶען הָאט זִי אָן גִירֶעט. אוּן זִי אִיז אָבֶּער גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן זֵיי (דְהַיְינוּ דִי בֶּערְגֶערִין מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע וַוייבֶּער) הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקֶערְט פוּן דֶעם שְׁפַּאצִירְן. אוּן דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ אִיז נִיט דָא. הָאט דֶער אָרוּם מַאן זֵייעֶר גִיוַויינְט אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגִין קָאפּ אִין דֶער וַאנְט אוּן הָאט תָּמִיד זֵייעֶר גִיטְרוֹיעֶרְט אוֹיף זַיין וַוייבּ.

אַמָאל אִיז דֶער בֶּערְגֶער פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר דֶעם אָרוּמַאנְס שְׁטוּבּ. הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער אָרוּם מַאן וֵוינְט זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן שְׁלָאגְט זִיךְ קָאפּ אִין דֶער וַאנְט. אִיז דֶער בֶּערְגֶער צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס וֵויינְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִיט וֵויינֶען. וָואס אִיז מִיר דֶען גִיבְּלִיבְּן. בַּיי אֵיינֶעם בְּלַייבְּט דָאס עֲשִׁירוּת. אָדֶער סֶע בְּלַייבְּט קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט. אוּן מַיין וַוייבּ הָאט מֶען אוֹיךְ בַּיי מִיר אַוֶועק גִינוּמֶען. וָואס אִיז מִיר גִיבְּלִיבְּן. הָאט עֶס דֶעם בֶּערְגִיר זֵייעֶר אָנְגִיחַאפְּט בַּיים הַארְץ. אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס רַחֲמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶעם אָרוּם מַאן. מַחֲמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ. עֶר טְרוֹיעֶרְט זֵייעֶר. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען (דֶער בֶּערְגִיר) אוּן הָאט גִיטָאן אַ וִוילְדֶע זַאךְ אוּן סֶע אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען צוּם אֶמֶת אַ שִׁגָעוֹן.

## ווִילְדֶע זַאכְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעטוּן גָאר אַ וִוילְדֶע זַאךְ כְּדֵי צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם אָרֶעמַאנ'ס וַוייבּ פוּן דֶעם גֶענֶעַראל; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס טוּעֶן גָאר וִוילְדֶע זַאכְן, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אַלֶעם אַבִּי צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט אִין וֶועלְכֶער מְדִינָה סֶע וואוֹינְט דֶער יֶעדְנִירַאל. אוּן אִיז אַהִין גִיפָארְן. אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אַ וִוילְדֶע זַאךְ. אוּן עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דָארְט פַאר דֶעם יֶעדְנִירַאל שְׁטֵייעֶן זִיךְ וַואכִין. אוּן עֶר מַחֲמַת זֵייעֶר גְרוֹיס בְּהָלָה אִיז עֶר פְּלוּצִים מִיט גְרוֹיס בְּהָלָה גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף דִי וַואכִין. אוּן דִי וַואכִין זֶענֶען אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן זֶענֶען זֵייעֶר פַּארְטוּמֶעלְט גִיוָוארִין. מַחֲמַת זֵיי הָאבִּין פְּלוּצִים גִיזֶעהְן אַ מֶענְשִׁין לֶעבִּין זִיךְ מִיט גְרוֹיס בְּהָלָה. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. וִוי קוּמְט דֶער אַהֶער. אוּן מַחֲמַת בְּהָלָה הָאבִּין אִים אַלֶע וַואכִין גִילָאזְט. אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. צוּ דֶעם אָרְט וָואס זִי אִיז דָארְט גִילֶעגִין. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זִי אוֹיף גִיוֶועקְט אוּן הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט. קוּם. וִוי זִי הָאט אִים דֶערְזֶעהְן אִיז זִי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט. תֵּיכֶף קוּם מִיט מִיר. אִיז זִי מִיט אִים גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי אִיצְט אוֹיךְ אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוּם גִיקוּקְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט דֶערְמַאנְט וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. אַזוֹי אַ וִוילְדֶע זַאךְ. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא וֶועט בְּוַדַאי תֵּיכֶף וֶוערִין אַ גְרוֹיס גִיפִילְדֶער בַּיי דֶעם יֶעדְנִירַאל. אוּן סֶע אִיז טַאקֶע אַזוֹי גִיוֶוען. סֶע גִיוָוארִין תֵּיכֶף אַ גְרוֹיס גִיפִילְדֶער בַּאם יֶעדְנִירַאל.

## וֶוער נִישְׁט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף יִפְתָּח הַגִלְעָדִי

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֵיינְט אִין דִי הַפְטוֹרָה דִי מַעֲשֶׂה פוּן יִפְתָּח הַגִלְעָדִי (שׁוֹפְטִים יא); וֶוען יִפְתָּח הַגִלְעָדִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עַמוֹן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט גֶעווִאוּנֶען דִי מִלְחָמָה, וֶוען עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, וֶועט עֶר בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעווִאוּנֶען דִי מִלְחָמָה אוּן זַיין טָאכְטֶער אִיז אִים אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פּוֹיק אוּן זִי הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעפּוֹיקְט פַאר אִיר טַאטֶע'ן, הָאט אִיר יִפְתָּח הַגִלְעָדִי גֶעזָאגְט: "פְרֵיי דִיךְ נִישְׁט, וַוייל אִיךְ גֵיי דִיר מַקְרִיב זַיין פַאר אַ קָרְבָּן", אֲפִילוּ עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי נֶדֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן אַ חַיָ' אָדֶער בְּהֵמָה, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס עֶר מֵיינְט הָאט עֶר גֶעמוּזְט מְקַיֵים זַיין דִי נֶדֶר.

דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית ד.): וִויבַּאלְד יִפְתָּח הָאט גֶעבֶּעטְן 'שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן', עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן רִיכְטִיג, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי נֶדֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן אַ חַיָ' אָדֶער אַ בְּהֵמָה, אָבֶּער עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט גֶעשֶׁען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ טָמֵא'נֶע חַיָּה, דֶערְפַאר הָאט אִים אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט 'שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן', אַז עֶס אִיז אִים אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען זַיין טָאכְטֶער.

פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, פָּרָשַׁת בְּחֻקוֹתַי, סִימָן ה): "יִפְתָּח הַגִלְעָדִי וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט גֵיין צוּ פִּנְחָס הַכֹּהֵן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ דַיָּין אוּן צֶעשְׁטֶערְן דִי נֶדֶר, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ נֶדֶר, אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט עֶר צוּ אַ דַיָּין אוּן עֶר זָאגְט פַאר'ן דַיָּין אַז עֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, קֶען דֶער דַיָּין צֶעשְׁטֶערְן דִי נֶדֶר; אִיז פַארְוָואס אִיז יִפְתָּח הַגִלְעָדִי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ פִּנְחָס עֶר זָאל אִים מַתִּיר נֶדֶר זַיין? אָדֶער זָאל פִּנְחָס הַכֹּהֵן קוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן הַרְגֶ'עֶנֶען זַיין טָאכְטֶער?" נָאר דִי עַסְקָנִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ יִפְתָּח רֶעדְן צוּ אִים עֶר זָאל גֵיין צוּ פִּנְחָס זִיךְ מַתִּיר נֶדֶר זַיין, הָאט יִפְתָּח גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין דֶער גֶענֶעַראל פוּן דִי אִידְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּ אִים, עֶס פַּאסְט נִישְׁט, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר", זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ פִּנְחָס דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל גֵיין צוּ יִפְתָּח מַתִּיר נֶדֶר זַיין, הָאט פִּנְחָס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ כֹּהֵן אַ זוּן פוּן אַ כֹּהֵן, אִיךְ מֵיין נִישְׁט מַיין אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד, אִיךְ מַיין דָא דֶער כְּבוֹד שָׁמַיִם... אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּ אַן עַם הָאָרֶץ, אַז עֶר וִויל אִיךְ זָאל אִים רַאטֶעוֶוען זַיין טָאכְטֶער זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר", זָאגְן חֲזַ"ל אַ מוֹרָא'דִיגֶע לָשׁוֹן: "מִבֵּין תַּרְוַיְיהוּ אַבְדַת הַהִיא עֲלוּבְתָּא מִן עָלְמָא", פוּן צְווִישְׁן זֵיי צְוֵויי אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן דָאס מֵיידְל.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה? בֵּיידֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ; פִּנְחָס הָאט פַארְלוֹירְן זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן יִפְתָּח אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, זַיינֶע אֵיבָרִים הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטַארְבְּן בִּיסְלֶעכְוַויִיז פַאר עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיז אִים אַרָאפְּגֶעפַאלְן שְׁטִיקְלֶעךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה קוּמְט דִי בְּלוּט אַרוֹיף אִין קָאפּ, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צֶעקָאכְט אוּן בְּרוֹגֶז: 'הֲיִתָּכֵן מֶען זָאל הַרְגֶ'עֶנֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד, אַ מֵיידְל וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, בְּשַׁעַת מֶען וָואלְט אִיר דָאךְ גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען?!' אָבֶער קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים... טָאג טֶעגְלִיךְ שְׁפִּילְט זִיךְ דָאס אָפּ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶס קֶען אַסַאךְ מָאל אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶס זָאל זִיךְ מַאכְן מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישְׁן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ אוּן דֶעמָאלְט לַיידְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אוּן מֶען שֶׁחְט זֵיי; וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען בְּלָאזְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁרֵייט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - לַיידְן דִי קִינְדֶער, זֵיי לֶעבְּן מִיט שְׁרֶעק וְכוּ'.

אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מַאן: "פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, קֶענְסְט דָאךְ רַאטֶעוֶוען דַיין קִינְד?" וֶועט עֶר זָאגְן: "אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ בְּרֶענְג אִיר גֶעלְט וְכוּ' אוּן זִי שְׁרֵייט נָאךְ אוֹיף מִיר, זָאל זִי מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן!" אַז מֶען פְרֶעגְט דִי וַוייבּ: "פַארְוָואס מַאכְסְטוּ נִישְׁט שָׁלוֹם? פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אַבִּי דַיין קִינְד זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט?" וֶועט זִי עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעשְׁרִיגְן אָבֶּער עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אוּן עֶר דַארְף מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן", אוּן נָאכְדֶעם פַּאסִירְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי יִפְתָּחְ'ס טָאכְטֶער, דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג? בֵּיידֶע! וֶוער נִישְׁט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי אִין דִי צַייט וָואס דוּ טוּסְט דָאךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, גֵיי אַהֵיים אוּן בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, אָבֶּער קוּק נִישְׁט אוֹיף 'וֶוער אִיז גֶערֶעכְט' נָאר קוּק אוֹיף 'דַיינֶע קִינְדֶער' זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

וָואס מֵיינְט עֶטְץ, קִינְדֶער כַאפְּן דָאס נִישְׁט אוֹיף? קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע רִיר צְוִוישְׁן טַאטֶע מַאמֶע; עֶלְטֶערְן וָואס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, זֶעעֶן דָאס קִינְדֶער, זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע וִויל אֵיין זַאךְ אוּן דִי מַאמֶע וִויל אַנְדֶערְשׁ, אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט: "טוּ אַזוֹי וִוי מַאמִי", אוּן דִי מַאמֶע זָאגְט: "טוּ אַזוֹי וִוי טַאטִי" - דָאס גֵייט אִין זֵיי אַרַיין, זֵיי זָאלְן עֶס שְׁפֶּעטֶער נָאכְטוּן וֶוען זֵיי גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן, דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער.

**עֶר רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט מִיט מַיין מַאמֶע פַאר דְרֵיי וָואכְן**

פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן, אוּן קִינְדֶער גֶעבְּן אַלֶעס אַרוֹיס וָואס טוּט זִיךְ בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ קִינְד, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַזוֹי: "אִיךְ זִיץ בַּיי מַיין טַאטֶע בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן מַיין טַאטֶע נֶעמְט אַרַיין גֶעסְט צוּ זִיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה, אַלְס תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט עֶר צוּ זֵיי פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שָׁלוֹם בַּיִת אַן עִיקָר וְכוּ', אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר 'וִוי אַזוֹי קֶען עֶר רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אַזוֹי שֵׁיין, דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אִיז נָאר אַ שְׁפִּיל, עֶר רֶעדְט דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט מַיין מַאמֶע פַאר דְרֵיי וָואכְן אִין אֵיין צִי, אוּן דָא אִיז עֶר מַסְבִּיר אַזוֹי הֶערְלִיךְ דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא פוּן שָׁלוֹם בַּיִת'...

דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג אוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶועג אִיז אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, פַארְקֶערְט וָואס דִי הַיינְטִיגֶע טֶערֶעפִּיסְטְן זָאגְן; אִיךְ הָאבּ פּוּנְקְט גֶערֶעדְט פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר גֵייט צוּ אַ גֶעוִויסֶע טֶערֶעפִּיסְט, (אִיךְ וִויל דָא נִישְׁט זָאגְן בָּרַבִּים דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם טֶערֶעפִּיסְט), הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס מֶען זָאגְט דָארְט בַּיי דִי קוּרְסֶעס, זָאגְט עֶר מִיר, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט מֶען אוֹיס דֶעם כְּלַל: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דַיין וַוייבּ, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶעבְּן אָן זַיין מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ'", רַחֲמָנָא לִצְלָן! הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוֹיף דִי פַאלְשֶׁע לִימוּדִים וָואס זֵיי זָאגְן, עֶס אִיז פַארְקֶערְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ח): "אִי אֶפְשַׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשַׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, אִי אֶפְשַׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ וַוייבּ, אוּן אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ מַאן, אוּן בֵּיידֶע פוּן זֵיי - דֶער מַאן מִיט זַיין וַוייבּ, קֶענֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עַל פִּי תּוֹרָה קֶען אַ מַאן נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן זַיין וַוייבּ, אוּן דִי טֶערֶעפִּיסְטְן נֶעמֶען דִי נִידְרִיגֶע גוֹי'אִישֶׁע לִימוּדִים אוּן לֶערְנֶען דָאס אוֹיס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַ פָּאר-פָאלְק אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן וְכוּ', זָאג אִיךְ פַארְ'ן מַאן: "בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ", זָאגְט עֶר מִיר: "זָאל זִי מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן", זָאג אִיךְ פַאר דִי פְרוֹי: "בֶּעט אִיבֶּער דַיין מַאן", זָאגְט זִי מִיר: "עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, זָאל עֶר מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן", אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אוּר אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן יָארְן פַארְדֶעם נָאכְצוּזוּכְן וֶוער עֶס הָאט בֶּאֱמֶת אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּם עֶרְשְׁט... בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיי זֵיי זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן; זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אַ לֶענְגֶערֶע צַייט צוּלִיבּ גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָּשׁוּט גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## מַסֶכֶת יוֹמָא דַף ח

### גֶעלְט

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט 'שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק', וָואס אִיז זַיינֶע צַייטְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גֶעלְט.

יוּנְגֶע בָּחוּרִים וִוילְן אַלְץ הָאבְּן גֶעלְט; גְלֵייבְּט מִיר, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיט גֶעלְט, גֶעלְט מַאכְט נָאר קָאפּ וֵויי.

### אֵיין זַאךְ קֶען מֶען טוּן מִיט גֶעלְט

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ הָאבְּן גֶעלְט, מֶען בַּאקוּמְט נָאר קָאפּ וֵויי דֶערְפוּן, אֵיין זַאךְ קֶען מֶען טוּן מִיט גֶעלְט, אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶען מֶען דָאס גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ פַאר אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן, מֶער פוּן דֶעם אִיז גָארְנִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט.

מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶעם, זֵיי לִיגְן אִין 'תַּאֲוַת מָמוֹן', צוּ זֵיי קֶען מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן, זֵיי קוּקְן דִיר אָן וִוי דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דִי לְבָנָה.

ווִאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט אַבִּיסְל גְּמָרָא, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.